# חסידי סקווירא באַגריסן אויפנאַמע פון הרה"ג רבי אברהם בנימין ביינוש אייזענבערג שליט"א אלס משב"ק

**למלאות מקום פונעם פיליעריגן משב"ק הרב החסיד ר' ישעי' יואל אונגאר ז"ל - וועט נתחנך ווערן בעבודתו היינטיגן שבת נחמו הבעל"ט**

(פאַרזעצונג פון זייט 8)

די ענגע רשימה פון מעגליכע משבקי"ם איז בברכת הקודש נתמנה געווארן אויף דעם תפקיד דער חשוב'ער איש המעש ומרביץ תורה הרה"ג רבי אברהם בנימין ביינוש אייזענבערג שליט"א, וועלכער איז נישט קיין פנים חדשות ביים ציבור חסידי סקווירא. דער משב"ק איז דער זון פון הרב החסיד המפו' מוה"ר ברוך אייזענבערג ז"ל באקאנטער איש החינוך ואדם השלם, און איידעם פון הרבני החסיד ראש וראשון לכל קדשי בית סקווירא מוה"ר שלום בער פישל הי"ו.

שוין פילע יארן וואס הר"ר אברהם בנימין שליט"א דינט אלס מרביץ תורה אין שיכון סקווירא, און האט שוין זוכה געווען מעמיד צו זיין תלמידים הגונים וישרים אויף ווען ער איז כסדר משפיע מאוצרו הבהיר. ער איז באקאנט ביים ציבור אלס תלמיד חכם גדול, א ידען נפלא, און בעיקר מיט זיינע מדות טובות ונשגבות, מצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואנשים, דורך וועלכן ער איז אזוי שטארק געשעצט ביי יעדן איינעם, אהוב על הבריות ונערץ אצל כל יודעיו ומכיריו.

אצינד איז רבי אברהם בנימין ביינוש שליט"א אויסגעקליבן געווארן אלס משב"ק בבית כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, אויסצופירן ווייטער די תפקידים וואס דער פריערדיגער משב"ק הרה"ח ר' ישעי' יואל אונגאר ז"ל האט אויסגעפירט מיט אזויפיל געטריישאפט און נאמנות, הן מיטן שרייבן קוויטלעך, איבערצוגעבן הזכרות, אויסצופירן די שליחות הקודש פונעם סקווערער רבי'ן שליט"א און אזוי נאך.

דער נייער משב"ק הר"ר אברהם בנימין ביינוש שליט"א וועט ממשיך זיין בעבודת הקודש צוזאמען מיט די צוויי ביז איצטיגע יונגערע גבאי קודש, הרה"ח ר' דוד בערגער הי"ו און הרה"ח ר' אהרן פריעדמאן הי"ו (בן הרב החסיד ר' יושע פריעדמאן ז"ל משב"ק) וכולם כאחד וועלן אויספירן די באשטימטע פונקציעס בביתו נאוה קודש פונעם רבי'ן שליט"א.

דעם היינטיגן שבת, שבת נחמו וועט דער נייער משב"ק הר"ר אברהם בנימין ביינוש שליט"א אפיציעל אריינגיין אין אמט, און וועט ביי די תפלות און עריכת שולחנות הטהורות צום ערשטן מאל ערשיינען אלס משמש בקודש פון רבי'ן שליט"א באגלייט מיט ווארימע וואונטשן פון עדת חסידי סקווירא איבער דער גארער וועלט אז עס זאל מצליח זיין בעבודתו מיט הצלחה און נשיאות חן ביים גאנצן ציבור.






# טאַמפּסאָן דערקלערט אומשולדיג פאַלש־באַשולדיגטן מערדער פון וויליאַמסבורגער איד

ברוקלין. — דיסטריקט אטורני קען טאַמפּסאָן האָט פאַרגאַנגענע וואָך דערקלערט דעם מאַן וואָס איז פאַלש באַשולדיגט געוואָרן אינעם מאָרד פון אַ וויליאַמסבורגער איד ר' אברהם פאָלאַק הי"ד, און האָט צוליב דעם פאַרברענגט 16 יאָר אין טורמע אַלס אומשולדיג, וואָס באַדייט אַז ס'וועט ביז אַ קורצע צייט געשליכטעט ווערן די אָנקלאַגע וואָס יענער האָט אַריינגעגעבן קעגן די שטאָט.

טאַמפּסאָן האָט געזאָגט, אַז ער האַלט אז דזשאַבאַר קאָלינס איז גענצליך אומשולדיג געווען אין די באַשולדיגונג און אַז דאָס איז געווען די אַרבייט פון זיין פאָרגייער טשארלס הייגס און זיין שטאַב וועלכע האָבן אָנגעשראָקן און געסטראַשעט עדות צו אויפטרעטן קעגן קאָלינס אין געריכט אין זייער פאַרזוך אים צו געפונען שולדיג.

זיין באַשולדיגונג איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן מיט פיר יאָר צוריק, וואָס האָט צוגעברענגט אַז ער האָט אַריינגעגעבן אַ געריכטליכע אָנקלאַגע פון 150 מיליאָן דאָלאַר.

טאַמפּסאָן האָט געהאַט גענוצט דעם קאָלינס קעיס אין זיין קאַמפּיין קעגן הייגס צו ציינגן ווי ווייט ער האָט נישט געטויגט. --

# שווינדלערייען פאַראורזאַכט איי. אַר. עס. אודיטס אויף ארץ ישראל'דיגע

וואַשינגטאָן.—די איי. אַר. עס. האָט זיך גענומען רודפ'ן די אַמעריקאַנער בירגער וואָס וואוינען אין ארץ ישראל, נאָכדעם וואָס זי האָט באַקומען אינפאָרמאַציע איבער מאַסיווע שווינדלערייען אינעם "טשיילד טעקס קרעדיט" פּראָגראַם.

אַרום 200,000 אַמעריקאַנער בירגער וואוינען אין מדינת ישראל, געזעצליך מוזן אַמעריקאַנער בירגער אין אויסלאַנד פיילן אַ טעקס ריטורין, אַפילו אויב זיי זענען נישט שולדיג קיין שום שטייערן. די מעלה איז אָבער אַז אויסלענדישע אַמעריקאַנער זענען באַרעכטיגט צום "טשיילד טעקס קרעדיט".

דער קרעדיט איז אויסגענוצט געוואָרן דורך שווינדלער אין מדינת ישראל, וואָס האָבן געהאָלפן אַמעריקאַנער בירגער פיילן טעקס ריטורינס, בעטנדיג טויזנטער דאָלאַרן אינעם "טשיילד טעקס קרעדיט", בשעת די דעטאַלן אויף די טעקס ריטורינס זענען געווען אומריכטיג. צב"ש, אויף צו געניסן פונעם טשיילד טעקס קרעדיט מוז מען האָבן אַ דזשאַב, און די דזשאַב אינפאָרמאַציע אויף די ריטורינס איז נישט געווען אַזוי אַקוראַט.

# סעודת הילולא פון הגה"ק בעל "אך פרי תבואה" מליסקא זי"ע וועט פאָרקומען זונטאג אָוונט אין ליסקא בית המדרש

בארא פארק. - זונטאג פ' עקב, י"ד אב, פאלט אויס די הילולא קדישא פון הגה"ק רבן של ישראל מרן רבי צבי הירש זצוק"ל אבד"ק ליסקא, באקאנט אלס דער "אך פרי תבואה" אויפן נאמען פון זיין הייליגן ספר.

הגה"ק מליסקא זי"ע איז געווען בשעתו פון די גרעסטע מנהיגי החסידות און אונגארן, וועמענס נאמען איז פארהייליגט געווארן ביי חסידים לדורי דורות, טויזנטער אידן פלעגן קומען ביום ההילולא על ציונו הקדוש אין שטאט ליסקא און זיך אויסבעטן כל מיני ישועות ורפואות בגוף ובנפש.

אזוי אויך עד היום פארן אידן מארבע כנפות הארץ קיין ליסקא מתפלל צו זיין און זיך אויסבעטן אויף דעם הייליגן מקום. בפרט נאכדעם וואס מיט עטליכע יאר צוריק איז דער בית החיים און דער אוהל הקדוש פון רבותיה"ק מבית ליסקא ה"ה בעל אך פרי תבואה זי"ע וחתנו וממלא מקומו בעל טל חיים והברכה זי"ע, איבערגעפרישט געווארן ווען מען האט איבערגעבויט דער גדר אויף די פריעדיגע יסודות, אין אריינגעצויגן לעקטער צו באלייכטען אינעווייניג אינעם אוהל הקדוש.

ווי יעדעס יאר וועט אויך היי יאר פארקומען די סעודת הילולא אין דעם ליסקא'ער בית המדרש אויף 1449 50'סטע סט. זונטאג אוועט אי"ה, דער סעודה וועט זיך אנהייבן תיכף נאך תפלת מנחה, זמן תפלת מנחה איז אום 7:30, דברי תורה ועובדות ממרן בעל הילולא זי"ע וועט געהערט ווערן דורכ'ן ממשיך שושלת הקודש כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א.

דורכאויס די צייט וועט זיין צו באקומען דעם נייעם איבערגעדרוקטער ספר הקדוש "אך פרי תבואה" פאר א ביליגן פרייז.

## פסק הלכה

מאת כ"ק אדמו"ר הגה"ק

מרן אהרן טייטלבוים שליט"א

אבדק"ק סאטמאר יצ"ו

**צומת הגידין אַז ס'איז נפסק, איז דאָס טריפה מדאורייתא, כמבואר בשו"ע.**

**מ'דאַרף בודק זיין צומת הגידין און אָן דעם טאָר מען דאס פלייש נישט עסן.**

**מען זאָל נישט קויפן אין אַ געשעפט עופות וואס די צומת הגידין זענען נישט נבדק געוואָרן.**

**מען זאָל דעם ענין האַלטן הייליג.**

(מתוך דברות קדשו בהוה"מ פסח תשע"ג לפ"ק)